בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת תרומה תשע"ו

גליון 347 [שנה ח']

### פון וועמען מעג מען נישט נעמען נדבות המשכן?

מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ:(כ"ה ב') מיר האבן א כלל, אז ווען עס שטייט די ווארט "אֶת" מיינט דאס א רִיבּוּי עפעס צו מוסיף זיין ווייל "אֶת לְרַבּוֹת", און ווען עס שטייט די ווארט "כָּל" איז דאס אויך לְרַבּוֹת, און מיר ווייסן דעם כלל: אין רִיבּוּי אחר רִיבּוּי אלא לְמַעֵט. ווען עס שטייט איין רִיבּוּי נאך א רִיבּוּי, קומט דאס עֶפֶּעס צו ממעט זיין, איז שווער וועמען איז מען ממעט אז ער טאר נישט נעמען פון אים אפילו ער האט נִדְבַת לִבּוֹ? נאר עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת ויקהל) אז משה רבינו האט געזאגט (שמות לה ה) קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה׳ כֹּל נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ אֵת תְּרוּמַת ה׳. וואס מיינט מֵאִתְּכֶם? נאר מֵאִתְּכֶם מיינט מען זאל נעמען נאר פון אייך כלל ישראל און נישט נעמען פון די עֵרֶב רַב ע"כ הזוה"ק. ממילא קען זיין פשט אין פסוק: מֵאֵת – כָּל, א רִיבּוּי אחר רִיבּוּי וואס איז עפעס ממעט, און דאס מיינט מען זאל נישט נעמען נִדְבַת לֵב פון די עֵרֶב רַב. (ויגד יעקב פאפא)

### פארוואס דארף שטיין מֵאֵת כָּל־אִישׁ

מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ: (כ"ה ב') פרעגט הגאון ר' יהונתן אייבישיץ פארוואס דארף שטיין מֵאֵת כָּל־אִישׁ עס וואלט געקענט שטיין מֵאֵת אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ? נאר דער ציווי ה' צו משה איז געווען אז אויב עס וועט זיך קומען גבירים און זאגן אז זיי ווילן אלעס געבן פאר דעם משכן, זאגט די תורה מֵאֵת כָּל־אִישׁ, אז אלע אידן מוזן האבן א חלק אין תרומת המשכן און נישט א נדבה פון אפאר יחידים. (אהבת יהונתן)

### וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה און נישט וְיִתְּנוּ

דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי: (כה ב) איז שווער פארוואס שטייט דעם לשון וְיִקְחוּ און נישט וְיִתְּנוּ? און פארוואס פירט אויס דער פסוק נאכאמאל תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי? נאר די תורה נוצט דעם לשון יִדְּבֶנּוּ, און אויב די כוונה פון פסוק איז אז מען דארף געבן מיט א באוויליגטער הארץ, וואלט געדארפט שטיין יִדְּבֶנְנוּ? אבער יעצט אז עס שטייט יִדְּבֶנּוּ קען מיינען צוויי טייטשן: איינס, נדיבות הלב, ער גיט מיט א באוויליגטער הארץ, און נאך א טייטש איז א לשון פון עַל זֶה הָיָה "דָוֶה" לִבֵּנוּ (איכה ה יז) פון טרויער, אז ער וויל נישט געבן, און די דריטע זענען וואס געבן אבער מיט א שווערע און פארווייטאגטער הַארץ, קומט אויס אז דער פסוק רעדט פון דריי סארט מענטשן, איינס: נְדִיב לִבּוֹ ער גיט מיט א גאנצע הַארץ, דער צווייטער: יִדְּבֶנּוּ ער גיט, אבער מיט א פארווייטאגטער הַארץ, פונדעסטוועגן פון אים תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי, און דער דריטער איז יִדְוֶה לִבּוֹ, ער וויל נישט געבן, ביי אים דארף זיין וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה, נעם אפילו בעל כרחה. (עפ"י כלי יקר)

### וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ פארוואס די אידן?

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם: (כה ח) שטייט אין חז"ל אויב משה רבינו וואלט געבויט דעם בית המקדש וואלט דאס קיינמאל נישט געקענט חרוב ווערן. קומט אויס פון איין זייט איז דאס גוט, אבער די טובה פון דעם חורבן איז געווען אז דער אויבערשטער האט געלייגט זיין כעס אויף די עצים און אבנים און נישט אויף די אידן. דאס שטייט אין פסוק: וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ, זיי, די אידן, זאלן מיר מאכן א בית המקדש, ממילא וועט דאס קענען חרוב ווערן, ממילא וועט קענען זיין, וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, וועל איך קענען רוהען אויף אייך, און די כעס וועט ארויפגעלייגט ווערן אויף די עצים ואבנים. (ראשי בשמים – מושקאט)

### פארוואס נאר ביי די בדי הארון שטייט לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ

בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ: (כ"ה ט"ו) פארוואס ביי די אלע כלי המשכן שטייט אז די מצוה איז צו טאן, וְצִפִּיתָ אֹתוֹ, וְיָצַקְתָּ לּוֹ אַרְבַּע טַבְּעֹת זָהָב, וְנָתַתָּה, וְעָשִׂיתָ. אבער דא איז דער איינציגסטער מאל וואס די ציווי איז אז מען זאל נישט טאן, לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ? נאר עס שטייט וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן, ווייל די ארון האט מען כסדר געדארפט רייזן, און ווען דער ענן איז געגאנגען האט מען שוין געדארפט זיין גרייט מיטן ארון צו גיין צוזאמען מיטן ענן, און אויב מען וואלט געמעגט ארויסנעמען די בַּדִּים וועט אויסקומען אז די ענן וועט שוין גיין און עס וועט געדויערן צייט ביז מען לייגט אריין די בַּדִּים, וועגן דעם שטייט דוקא דא "לא יסורו ממנו" עס זאל שוין אלעמאל זיין גרייט צו רייזן. (שמח זבולון)

### זמר איש חסיד היה

דער זמר איש חסיד היה, פון די זמירות למוצאי שבת קודש, איז גאר חשוב, דער מחבר איז ישי בן מרדכי, עס גייט לויט די א-ב און זיין נאמען ישי בן מרדכי חזק, דער נוסח איז שוין געברענגט אין מחזור ויטרי א תלמיד פון רש"י און אין ספר חיבור יפה מהישועה פון רבנו נסים ב"ר יעקב - ר' נסים גאון, אויך אין ספר המעשיות (געדרוקט אין פיראראה שי"ז, און אין אמשטרדם תק"ו) מען זאגט דאס מוצ"ש ווייל אליהו הנביא האט א שייכות מיט סעודת מלוה מלכה. אין ספר ספרן של צדיקים פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ -לובלין תרפ"ט-, (מערכת ח' אות א') ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי משה מפשווארסק זי"ע בעל 'אור פני משה' האט דערציילט אז דער בעל מחבר פון 'איש חסיד הי'ה' איז געקומען צו אים [אין ספר אור לנר אילנא דחיי, שטייט אז דער חסיד אליין איז געקומען] און געזאגט זאלסט וויסן מיין זמר האט שמות פון ה' און איז מסוגל אויף תשובה און אויף בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, און פון דעמאלטס אן ווען מען איז געקומען צום אור פני משה פאר די ענינים האט ער געהייסן זאגן דעם זמר איש חסיד היה. און דאס איז דער נוסח המקובל:

אִישׁ חָסִיד הָיָה. בְּלִי מָזוֹן וּמִחְיָה: בְּבֵיתוֹ עוֹסֵק מִלְּבוּשׁ. וְאֵין בֶּגֶד לִלְבּוֹשׁ: גּוֹנֵן בַּחֲשׁוּבָה אִשָּׁה. וְגַם בְּבָנִים חֲמִשָּׁה: דִּבְּרָה לוֹ הָאִשָּׁה. יוֹתֵר אֵין לְהִתְיָאֲשָׁה: הַמִבְּלִי לֶחֶם לֶאֱכוֹל. בְּעֵרוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל: וְתוֹרָה מָצָאתָ כִּי יָגַעְתָּ. מַה נֹּאכַל מֵעַתָּה: זָהִיר כְּבָר נָשׁוּק. הֲלֹא תֵצֵא לַשּׁוּק: חַנּוּן וְרַחוּם בִּמְרוֹמָיו. אוּלַי יִגְמְלֵנוּ בְּרַחֲמָיו: טוֹב לְקוָיו מַחֲסֶה. רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה: יָעַצְתְּ בְּדַעַת וּבְחָכְמָה. עֲצָתֵךְ בְּלִי לְהַסְכִּימָה: כְּצֵאתִי לְבֹשֶׁת וְלִכְלִמָּה. מִבְּלִי כְּסוּת וְשַׂלְמָה: לְאֵין בְּיָדִי לִפְרוּטָה. אֲפִילוּ שָׁוֶה פְּרוּטָה: מַהֵרָה וְשָׁאֲלָה מִשְּׁכֵנִים. מַלְבּוּשִׁים נָאִים מְתֻקָּנִים: נִלְבַּשׁ וְהִשְׁלִיךְ יְהָבוֹ. עַל ה׳ אֲשֶׁר אֲהֵבוֹ: סָחוּ יְלָדָיו בִּפְלוּלָם. אַל יָשׁוּב דַּךְ נִכְלָם: עָבַר בַּשּׁוּק בְּסִבְרָתוֹ. וְהִנֵּה אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לִקְרָאתוֹ: פֶּץ לוֹ הַמְבַשֵּׂר. בֶּאֱמֶת הַיּוֹם תִּתְעַשֵּׁר: צַוֵּנִי בְּכָל כְּבוֹדֶךָ. כִּי הִנְנִי עַבְדֶּךָ: קְרָא לְמִי בְּדַעְתּוֹ. קְנוֹת עֶבֶד אֵין כְּמוֹתוֹ: רָחַשׁ אֵיךְ יְשַׁנֶּה דִינוֹ. עֶבֶד לִמְכּוֹר אֶת אֲדוֹנוֹ: שָׁת לוֹ חָכְמָתוֹ בְּקִרְבּוֹ. וְהֶחֱזִיק בּוֹ כְּמוֹ רַבּוֹ: תַּגָּר קְנָאוֹ בַּאֲהָבִים. בִּשְׁמוֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף זְהוּבִים: תְּבָעוּ מַה מְּלַאכְתֶּךָ. אִם בְּבִנְיַן חָכְמָתֶךָ: תַּכְלִית טְרַקְלִין וּפַלְטְרִין. הֲרֵי אַתָּה בֶּן חוֹרִין: יוֹם רִאשׁוֹן בִּמְפְעָלִים. פָּעַל עִם פּוֹעֲלִים: שִׁוַּע בַּחֲצִי הַלַּיְלָה. עֲנֵנִי נוֹרָא עֲלִילָה: יָזַמְתִּי וְנִמְכַּרְתִּי לְהַעֲבִידִי. לִכְבוֹדְךָ וְלֹא לִכְבוֹדִי: בּוֹרֵא עוֹלָם בְּקִנְיָן. הַשְׁלֵם זֶה הַבִּנְיָן: רַחֲמֶיךָ יִכְמְרוּ בַּחֲנִינָתִי. כִּי לְטוֹבָה כַּוָּנָתִי: מַלְאֲכֵי רַחֲמִים מִמְּעוֹנָתוֹ. אָז הֵחֵלּוּ לִבְנוֹתוֹ: רַבּוּ בְּנֵי הַמְּלוּכָה. וַתִּשְׁלַם כָּל הַמְּלָאכָה: דָּץ הַסּוֹחֵר בִּרְאוּתוֹ. כִּי נִגְמְרָה מְלַאכְתּוֹ: כְּלוּלַת מִגְדָּלִים נָאִים. לְפִי עִנְיַן הַבַּנָּאִים: יִזָּכֵר לְךָ עַתָּה. אֶתְמוֹל אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ: חָפְשִׁי בְּוַדַּאי וּבְבֵרוּר. כְּנַמְתָּ לְעִנְיַן שִׁחְרוּר: זֶה קִיְּמוּ בֶּאֱמֶת. וּפָרַח לוֹ אִישׁ הָאֱמֶת:

מזל טוב לנכדי היקר ר' מרדכי קעססלער נ"י לנישואיו עב"ג.

וברכת מזל טוב להחתן אשר היטיב לנו כמה שנים להפיץ הגליון ר' ישראל דוב נ"י בן לשכיני הדגול ר' ירמיה גאלדבערגער נ"י לרגל נישואיו עב"ג.

# מדור העובדות

## עובדות פון שמירת שבת במסירת נפש וואס דער אויבערשטער פארלאזט זיי נישט

די וואך וועל איך ארויסגיין פון דעם נארמאלן ווינקל פון דערציילן עובדות פון צדיקים, נאר אדרבה פון גאנץ פשוטע אידן וואס האבן געהאט מסירת נפש אויף שמירת שבת און דער אויבערשטער האט זיי געהיטן און געהאלפן.

פארוואס דייקא די וואך? נאר בעזה"י האב איך זוכה געווען צו גיין צו די חתונה פון מיין חשובע אייניקל הר' מרדכי קעססלער נ"י, און **אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים**, און חז"ל טייטשן **אֶל הֶהוֹרִים**, מוז איך דערמאנען בעת דודים ראש משפתינו הר' יצחק הלוי קליטניק ע"ה וואס איז געקומען קיין אמריקא פון א שטעטל טֶעלִיחַאן לעבן סְטָאלין אין שנת תרע"ד, א יונגע בחור וואס זיין יראת שמים און חסידות האט ער איינגעזאפט פון די הייליגע סטאלינער רבי, ר' ישראל זצוק"ל, וואס איז געווען א אפטע גאסט ביי זיי אין שטוב, ווייל זיין טאטע הרה"ח ר' זאוויל לייב [יהודה זבולון] איז געווען דער שו"ב פון געגנט. דא האט ער זיך אנגעקלעפט אין די חסידים אין סטאלינער שול אויף 48 ארטשערד סט. וואו עס איז געווען חסידים נאך פון הייליגן בית אהרן. זייענדיג א חסידישע בחור האט אים גענומען הרה"ח ר' אהרן יצחק פילטשיק ז"ל א ליבושייער חסיד פאר א איידים, און אזוי איז געווארן א נאנטשאפט מיט זיין שוואגער הרה"ח ר' ניסן פילטשיק ז"ל. נאך זייער חתונה איז געווען שווערע יארן אין פרנסה, און מען האט געפאדערט אז מען דארף ארבעטן שבת, און די צוויי שוואגערס האבן געדארפט זוכן יעדע פאר וואכן א נייע ארבעט וואס עס איז געווען מסירת נפש ממש, ביז דער אויבערשטער האט זיי געהאלפן ווען ר' ניסן'ס א ברודער צבי הירש ע"ה, האט געעפענט א מאנטל פאבריק כדי די משפחה זאל נישט דארפן ארבעטן שבת. און בזכות די מסירת נפש פאר שמירת שבת זייערע, האט דער אויבערשטער זיי געבענטשט מיט אידישע חסידישע דורות זיע"א.

עס האט געוואוינט אין בראונזוויל נוי יארק א סטאלינער חסיד, ר' שרגא פייוויל צ'ציק ע"ה, פון די פְּנֵי פון די סטאלינער שול דארטן, וואס האט געהאט א געשעפט פון זיס און זויערס, וואס כל זמן די געגענט איז געווען אידיש האט מען אפילו נישט געדארפט פארשפארן דעם געשעפט, אבער שפעטער ווען די געגנט איז געווארן שווארץ, האט מען געמוזט פארשליסן די געשעפטן. איינמאל א ערב שבת האט ר' פייוויל נישט געטראפן די שלאס, און ערב שבת דארף מען מאכן א הכנה. ער טראכט נישט צו פיל און פארמאכט די טיר אן א שלאס און איז בוטח בה' אז אין זכות פון שבת וועט אלעס זיין אין ארדענונג, שבת איז ער רוהיג און פירט אן זיין עבודה בשמחה, ערשט מוצאי שבת קומט ער צו זיין געשעפט זוכן דעם שלאס, און אנקעגן אים קומט א פאליציי און זאגט מיסטער צ'ציק אז מען האט באמערקט אז די טיר איז געבליבן אפען, און זיי האבן מחליט געווען אז מען וועט שטעלן א שומר דעם גאנצן שבת, און אזוי איז בזכות שבת קודש האט נישט געהאט קיין שאדען'ס. [עס איז דא א גירסא אז די פאליציי איז געקומען קלאפן ביי זיין טיר פרייטיג צו נאכט און ווען ער האט דערציילט אז ער האט נישט געטראפן דעם שלאס איז דער פאליציי געגאנגען אין געשעפט און אפגעזוכט דעם שלאס און פארשפארט די קלייט] הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל. בפרט דער שומר שבת היט אים דער שבת.

באמת אונזער דור דארף מכיר טובה זיין פאר די אלע אידן וואס האבן געטראטן די וועג פאר אונז אין שמירת שבת און כשרות אויך, די אידן האבן געדארפט אליין גיין צום שוחט און געגאנגען צו די פארמ'ס פאר מילך, ביז זכור לטוב הגאון הקדוש מעהלים זצוק"ל האט מסדר געווען חלב ישראל און מהודרדיגע פלייש זאלן אנקומען אין געשעפטן. און געטראטן די וועג פאר אונזער דור.

עס איז ידוע אז די באוואוסטע שול שומר שבת האט מען מייסד געווען ווייל אין רוב שוהלן פלעגט מען דאווענען שבת פרי, און ליידער האט מען נאכהער געמוזט גיין צו די ארבעט, אין שיקאגו איז געווען א שול פון חשובע אידן וואס נאכן דאווענען האבן רוב געגאנגען ארבעטן און אלעס איז געווען בגדר פיקוח נפש.

אין דענווער קאלאראדא וואס איז היינט א עיר ואם בישראל, אבער אין די פריערדיגע יארן איז אויך געווען א מסירת נפש צו היטן שבת, א חסידישע איד אין דענווער האט געהאט א גרויסע געשעפט פון סחורה און אין יענעם געגענט איז געווען אסאך אידישע געשעפטן פון סחורה, אבער ליידער זענען אלע געווען אפען שבת געצוואונגנערהייט, אבער אונזער איד האט געהאט מסירת נפש און איז געווען פארמאכט שבת. די פרנסה איז געווארן שוואך און די משפחה זיינער האבן שוין געקלאגט אז מען דארף עפעס טאן. פונקט איין וואך ערב שבת קומט אריין ביי אים אין געשעפט א רייכער מכובדיגער מענטש, א גוי, און קוקט ארום און זאגט ער וויל איינקויפן א גרויסע קוואנטום פון סחורה ביי אים אין געשעפט. דער איד זאגט רוהיגערהייט אז עס גייט שבת און ער מוז שוין פארמאכן די געשעפט. אבער דער גוי זאגט ער מוז עס האבן, און אויב ער וועט אים נישט פארקויפן וועט ער גיין ערגעץ אנדערש! זאגט אים דער איד איך בין א גלויבענדיגער איד, און איך היט שבת און קענסט טאן וואס דו ווילסט, איך בין פארמאכט שבת. זיין ווייב און טאכטער וואס האבן געהאלפן אין געשעפט, האט דאס שטארק וויי געטאן ווייל די מצב הפרנסה איז געווען זייער שוואך, און זיי האבן אים איינגעבעטן, אבער ער שטייט שטארק.

די שבת'דיגע סעודות האט ער געפירט מיט א התרוממות אז ער האט געקענט עומד זיין אין דעם נסיון און פרובירט צו מחזק זיין די משפחה אז דער אויבערשטער וועט זיי יעצט שיקן א ישועה, זיי האבן זיך אבער נישט בארוהיגט. עס איז אריבער דעם שבת און מוצאי שבת האט מען דאך אבער געמוזט זיין אפען און דער איד גייט מיט זיין ווייב און טאכטער צו זייער געשעפט ווען זיי ווערן איבערעשט צו זען ווי יענער מכובדיגער גוי שטייט אוןווארט ביים טויער פון זייער געשעפט.

דער גוי קומט אריין מיט זיי און זאגט אז ער איז נתפעל געווארן פון אזא סארט גלויבן אין שבת, אז ער האט מחליט געווען אז ער וועט נאר קויפן דא, וויל א גלויבערדיגע מענטש איז א ערענטליכער מענטש. און ער האט נאכגעפרעגט און אז דער געשעפט וועט מען יעצט עפענען און איז געקומען דא איינקויפן. דער גוי האט איינגעקויפט פאר א ריזיקן סכום און געזאגט אז דא איז די סחורה אסאך בעסער פון די אנדערע געשעפטן וואס ער איז צו זיי אריין און באצאלט פאר די סחורה און דער איד איז געווארן אויפגעראכטן און באצאלט זיינע חובות ִאון געהאט געלט אויף ווייטער. דאס האט געגעבן א גרויסע חיזוק פאר זיין משפחה וואס האסן איינגעזאן אז מען דערלייגט נישט פאר היטן שבת און האבן זיך אויך מחזק געווען אין דעם ענין און זייערע דורות זענען עד היום בני תורה.

די חובת הלבבות שער חשבון הנפש (פ"ג מעלה השלשים) זאגט אז א מענטש דארף גלויבן אפילו די וועלט וועט ווערן ליידיג פון מענטשן און דו אליין וועסט בלייבן וועסטו נישט באקומען מער פון וואס איז אנגעשריבן פאר דיר, און דאס זעלבע אז עס איז איז דא פיל מענטשן אויף דער וועלט וועסט נישט באקומען וויניגער וואס איז אנגעשריבן פאר דיר. מען דערלייגט נישט צום אויבערשטן.


ניׂשט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן-

*תהלים נדפס על ידי הרה"ק מנישכיז, דער נישכיזער תהלים, מצב מצויין רק חסר שער הראשון ויש שער השני ׳ ידוע ומפורסם מצדיקים מעלות התהלים, וישועות גדולות לומר תהלים בזה, כל הקודם זוכה*

ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. **נועם אלימלך דפוס סלאוויטא חסר דף האחרון**, מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$**, מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון היילגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל 180$, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, ספר פרקי הנאז"ר על שחיטה מבואר על פי חסידות 90$, קאפל געמאכט פון די בעקעטשע פון היילגן בעלזא רב זצוק"ל, בעבער פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת